קונטרס

# אמת ואמונה

◆

## די אמת'ע אמונה טהורה

## תוכן הענינים

* וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען?

* צו וועמען קומט משיח?

* וואס מיינט "משיח בא בהיסח הדעת"?

* איז דען דא וואס זיך צו שרעקן פאר ימות המשיח?

* ווען קומט משיח צדקנו?

* וואס קענען מיר טאהן צו ברענגען די גאולה נאך שנעלער?

ניתן להשיג:

**באה"ק:**
אברמסקי 37
בני ברק

**בארה"ב**
1580 40 St.
Brooklyn, N.Y.

# פאר ווארט

איינע פון די דרייצן אני מאמינ'ס — די י"ג עיקרים, איז דאך: אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח. כלל ישראל אין אלע דורות האפן און ווארטען מיט גרוים חשק עס זאל שוין קומען דער גליקליכע טאג ווען משיח וועט אונז אלע אויסלייזען פון דעם ביטערן גלות און עס וועט זיין די גאולה שלימה.

היות אז לעצטענס איז געוועזן א ביסל א בלבול המוחות און טשטוש הדעות וועגען ביאת המשיח, האבן מיר געזעהן פאר נויטיק ארויס צוגעבען די דאזיגע קונטרס, צו מאכן קלאהר די ריינע אמונה אין ביאת המשיח, ווי עס איז מקובל פון דורי דורות פון אונזערע צדיקי אמת, וואס מיר אלע ווארטען אויף דעם אזוי פיל לאנגע יאהרן, די אמת'ע גאולה שלימה במהרה בימינו.

חודש הרחמים והסליחות, תשנ"ב לפ"ק.

המצפה לישועת ה'
הק' אהרן שפירא
רב דק"ק נאות יעקב
ע"ש כ"ק הגה"ק רבי יעקב שפירא מהימנא זי"ע

**RABBI M. STERN**

RABBI OF CONG. K'HAL YESODE HATORAH

FORMERLY CHIEF RABBI OF DEBRECEN

1514 — 49TH STREET

BROOKLYN, N. Y. 11219

851-5193

**משה שטערן**

**אב"ד דעברעצין ונייהייזל יצ"ו**

**בעהמ"ח שו"ת באר משה ו"ח**

לאאמו"ר הרא"ש, בעמ"ח ספרי נפי אש ומליצי אש וש"ס

**ברוקלין יע"א**


בעזהי"ת

מעי"כ הרב הגאון המופלא ומופלג ירא וחרד לדבר ה׳ מו"ה אהרן שפירא שליט"א רב דק"ק הימנא — פרדס כץ בארצינו הק׳.

כפי מסת הפנאי ראיתי הקונטרס **אמת ואמונה** בענין האמונה בביאת המשיח והמסתעף, מיוסד על מאמרי חז"ל ודברי גדולי ישראל, ראש וראשון מדברי רבינו הקדוש מסאטמאר זצוקללה"ה, וראויים לפרסמן לחזק האמונה בביאת משיח צדקנו בב"א.

וע"ז באה"ח ה׳ לסי כי תבא שנת תשנ"ב לפ"ק פה ברוקלין יצ"ו בברכת כוח"ט.

יחזקאל ראטה

אבדק"ק קארלסבורג

בארא פארק, ברוקלין, נ.י. יע"א

**RABBI J. ROTH**

1556 - 53rd Street

Brookly, N.Y. 11219

Tel. (718) 435-1502

בעזה"י

לסדר פ' כי תבוא אל הארץ תשנ"ב

מאד נחוץ הקונטרס **אמת ואמונה** שחיבר הרב הגאון הירא ושלם וכו' מו"ה אהרן שפירא שליט"א רב דפרדס כץ ת"ו, בדבר להבהיר ענין ביאת המשיח המושרש בקרב לבות ישראל באמונה טהורה ונקיה, כי לאחרונה בעוה"ר הולך ושוטף בלבול וטשטוש גדול בדבר ביאת המשיח. וראוי לתמוך ביד הרב הנ"ל.

ויה"ר שנזכה לשנת גאולה וישועה אכי"ר.



# וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען?

די אמת'ע גאולה שלימה וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, דאס איז דאך דער תכלית וואס צוליב דעם האט דער הייליגער באשעפער באשאפין די גאנצע וועלט. אזוי ווי דער רבינו בחיי שרייבט אין פרשת בראשית "תכלית כוונת הבריאה הוא לימות המשיח". ווען משיח וועט קומען, דעמאלסט וועט די וועלט זיין אזוי ווי דער הייליגער באשעפער האט געוואלט ווען ער האט עס באשאפין. די וועלט וועט זיין בשלימות!

אזוי ווי דער רמב"ם אין סוף הלכות מלכים שטעלט אוועק קלאהר און דייטליך די עיקר'דיגע זאכען וואס וועלן זיין ווען משיח וועט קומען, וזה לשונו:

המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה לממשלה הראשונה ובונה המקדש ומקבץ נדחי ישראל וחוזרין כל המשפטים בימיו כשהיו מקודם, מקריבין קרבנות ועושין שמיטין ויובלות ככל מצותה האמורה בתורה. ויתקן את העולם כולו לעבוד את ה' ביחד שנאמר כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה' ולעבדו שכם אחד.

ובאותו הזמן לא יהי' שם לא רעב ולא מלחמה ולא קנאה ותחרות שהטובה תהי' מושפעת הרבה וכל המעדנים מצויין כעפר ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם שנאמר כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים.

דאס הייסט אין פשוט'ע ווערטער, אז ווען משיח וועט קומען, וועט זיין די אמת'ע שלימות אין דער גאנצער וועלט.

## התרוממות קרן התורה

מיר וועלן האבן דעם בית המקדש און מיר וועלן קענען מקיים זיין אלע תרי״ג מצוות בשלימות. — אויך קרבנות, תרומות ומעשרות, שמיטה ויובל וכדומה וואס מיר קענען היינט נישט מקיים זיין. און עס וועלן אנטפלעקט ווערן די הייליגע סודות התורה. עס וועט זיין ״מלאה הארץ דעה את ה׳״.

## התרוממות קרן ישראל

מיר וועלן אלע קענען דינען דעם הייליגען באשעפער אין דער **פולטסער מאס**. ווייל מיר וועלן נישט האבן קיין שטערונגען. מיר וועלן מער נישט האבן קיין יצר הרע. עס וועט מער נישט זיין קיין מלחמות און טשעפעריי, קנאה ושנאה וכדומה. עס וועט אונז גארנישט פעלין, מיר וועלן האבן אלעס וואס מיר דארפן. עס וועט זיין א **שפע רב פון אלעם גוטן אין אלע הינזיכטען פאר יעדען איינעם**. אלע קראנקע וועלן אויסגעהיילט ווערן און יעדער וואס דארף א ישועה וועט געהאלפן ווערן, ווי עס ווערט ערקלערט באריכות אין מדרשי חז״ל.

אזוי אז מיר וועלן נישט האבן קיין שום דאגות אדער טרדות פון פרנסה. און אונזער איינציגער אינטערעסע און באשעפטיקונג וועט זיין ״לדעת את ה׳״. אלע אידן וועלן צוזאמען דינען דעם הייליגען באשעפער מיט די גרעסטע פארגעניגען און פרייד.

## התגלות כבוד שמים

עס וועט בטל ווערן די מלכות המינות און כל מיני רשעות. עס וועט מקויים ווערן וואס מיר זאגן אין די ימים נוראים ווען יעדער איד גיסט זיך אויס דאס הארץ ביי די תפלות: וכל הרשעה כולה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ ותמלוך אתה הוא ה׳ אלוקינו לבדך על כל מעשיך . . ויאמר כל אשר נשמה באפו ה׳ אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה. — עס וועט בטל ווערן די מלכות הרשעה,

די מלכות המינות, און אלע מענטשן אויף דער וועלט וועלן צוריק קומען צום אמת. אלע וועלן אנערקענען דעם הייליגען באשעפער. מען וועט אוועק ווארפן אלע נארישקייטן און אלע וועלן צוזאמען דינען דעם באשעפער.

## צו וועמען קומט משיח?

משיח קומט טאקע פאר **אלע** אידן. נישט נאר פאר די צדיקים נאר אויך פאר די פשוטי־עם און נידריגע מענטשן. ער וועט אונז אלע אויפהויבן. יעדער איד וועט זיין חשוב, קיינער וועט נישט פארלארן גיין ח״ו. מיר וועלן אלע דערהויבן ווערן און באנייט ווערן אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יחזקאל ל״ו) ונתתי לכם לב חדש ורוח חדשה אתן בקרבכם והסירותי את לב האבן מבשרכם ונתתי לכם לב בשר. — השם יתברך זאגט: איך וועל אייך געבען א נייע הארץ און א נייעם ווילין (וואס זאל וועלן דינען מיר), און וועל אוועק נעמען פון אייך דאס לב האבן (די הארץ וואס איז הארט ווי א שטיין) און וועל אייך געבען א ווייך הארץ (מיר צו דינען).

נאך מער, ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים אז אפילו אזעלכע וואס וואלטן נישט אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, וועלן זיי, אבער, ביי די גאולה העתידה יא ווערן אויסגעלייזט. און דערפאר איז דער ״בעל הגדה״ מדייק און זאגט ביי דעם בן רשע — ״אילו היה **שם** לא היה נגאל״, נאר פון **דארט**, פון מצרים וואלט ער נישט אויסגעלייזט געווארן, אבער ביי די גאולה שלימה וועט קיינער נישט בלייבען אין גלות (אזוי שרייבט הרה״ק רבי אייזיק׳ל זידטישוב׳ער זי״ע בספרו הק׳ לקוטי תורה וש״ס פר׳ בא, בשם הרה״ק רבי מענדל׳ע מרימנוב זי״ע).

עס וועט מקויים ווערן ״לא ידח ממנו נדח״, כידוע, אז אפילו די רשעים און פושעי ישראל וועלן תשובה טוהן, זיי וועלן אלע זיך אים קערן אויף דעם ריכטיגען וועג. אזוי ווי הגה״ק ר׳ צדוק הכהן מלובלין זי״ע ברענגט אין זיין ספר מחשבות חרוץ (דף ל״ג ע״ב) וזה לשונו:

״אפילו אותם פושעי ישראל שלא עלה בלבם הרהורי תשובה בשום פעם ונשתמדו להכעיס, מ״מ אם יבשרום שמשיח בן דוד בא ודאי יאמינו וישובו בתשובה שלימה, ואפילו אותם האפיקורסים שלא ישובו בבשורה בעלמא, כשיתקע בשופר גדול אז יבואו גם האובדים והנדחים, דיחרדו וישובו, ואז לא ידח ממנו נדח דגם כל הנדחים שנטמעו בין העמים ישובו״. — ווען משיח וועט קומען וועלן אפילו די גרויסע רשעים און אפיקורסים תשובה טוהן. ווען זיי וועלן הערן דעם שופר של משיח וועט זיי אלע אנכאפען א ציטער און זיי וועלן חוזר בתשובה זיין. אויך די פארשטויסענע אידן וואס זענען אויסגעמישט געווארן צווישן די גוים וועלן צוריק קומען און תשובה טוהן.

## ישראל נגאלין בתשובה

און דאס וואס דער רמב״ם פסק׳נט (בהל׳ תשובה פ״ז ה״ה) אין ישראל נגאלין אלא בתשובה, שרייבט אויף דעם דער ״מנחת אלעזר״ זי״ע בספרו דברי תורה (ח״ג אות כ״ד) אז דאס מיינט נאר אנשים כערכנו נישט גאנץ כלל ישראל. און אזוי אויך ערקלערט דער ״חפץ חיים״ בקונטרס צפית לישועה (פ״א) אז נאר א חלק יוד׳ען וועלען תשובה טוהן פאר׳ן גאולה. ובמקום אחר (חומת הדת פי״ג) שרייבט דער ״חפץ חיים״ זי״ע אז בדורנו איז גענוג ״התעוררות תשובה מועטה״ אויף מקרב זיין די גאולה.

דעריבער דארפן מיר טאקע תשובה טוהן, און דאס וועט מזרז זיין די גאולה שלימה, אזוי ווי דער רמב״ם שרייבט דארט: ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין. עס איז גאר מעגליך אז א יחיד מיט זיין תשובה קען ברענגן די גאולה, ובפרט אז בדורנו איז גענוג א תשובה מועטה כנ״ל (ועיין לקמן פרק האחרון).

# וואס מיינט ״משיח בא בהיסח הדעת״?

הגה״ק מסאטמאר זי״ע גיט צו פארשטיין אין ספר חידושי תורה

(תצא תשי״ז ע׳ תרע״ה ועוד) אז דאס וואס די גמרא זאגט אין סנהדרין (דף צ״ז ע״א) ״משיח בא בהיסח הדעת״ קען נישט מיינען אז מען זאל מסיח דעת זיין פון די גאולה ח״ו, מען מוז דאך שטענדיק האפן, ווארטען און בעטען אויף די גאולה — ״אחכה לו בכל יום שיבוא״. נאר די גמרא מיינט אז דער **אופן** ווי די גאולה וועט פארקומען, דאס איז בהיסח הדעת, מיר ווייסן נישט גענוי ווי אזוי דאס וועט פאסירן. פון דעם עצם גאולה טאהר מען נישט מסיח דעת זיין, חלילה. נאר דער אופן ווי אזוי עס וועט זיין די גאולה, ווייסן מיר נישט. — ״פתאום יבוא אל היכלו״, **פליצלינג** וועט קומען די ישועה, אן וויסען פריער ווי אזוי עס וועט זיין.

## לישועתך קוינו כל היום

״ישועת ה׳ כהרף עין״ — די הילף פון השם יתברך איז ווי איין אויגן־בליק, יעדער רגע קען קומען די ישועה. ולכן, מוזען מיר אלע שטיין גיגרייט צו די גאולה שלימה, פונקט ווי איינער שטייט גרייט פאר א זאך וואס דארף קומען יעדער מינוט, אזוי ווי דער הייליגער קאמארנער זי״ע שרייבט אין זיין ספר היכל הברכה (בראשית דף ל״ז ע״ב) וזה לשונו:

״כל אדם צריך לקיים צפית לישועה (שבת ל״א ע״ב). ולשון ״צפית״ לשון צופה נתתיך, כמו שצופה ומביט ורואה בכל עת ורגע שלא יבוא אויב ושונא, כך צריך כל איש ישראל לצפות בעיניו ובשכיות לבבו בכל זמן ועת אולי יבוא באותו רגע מלך המשיח. ובכל עת יהי׳ לבו הומה עליו וצופה לישועת ה׳ כי ישועת ה׳ בהרף עין, אולי הוא אותו רגע הרף עין של ישועת ישראל. לכן לא יהי׳ לו שום מחשבה של איחור הזמן חלילה, ובכל רגע יצפה לישועת ה׳ אם יתמהמה חכה לו״.

— יעדער איד דארף שטיין און ווארטען כסדר יעדע רגע און טראכטען **אפשר וועט די רגע קומען משיח**, ווייל עס איז דאך ״ישועת ה׳ כהרף עין״, אפשר וועט עס זיין די רגע. און מען דארף כסדר שטארק בענקין נאך משיח. און מען זאל חלילה נישט טראכטען אז עס

וועט נאך נעמען א סאך צייט ביז משיח וועט קומען. מען טאהר אזוי נישט קלערן נאר יעדער רגע דארף מען האפן און טראכטען אז אפשר יעצט קומט די ישועה.

## הלואי שיתפלל כל היום

מיר מוזען שטענדיג דאווענען און בעטען השם יתברך, אז עס זאל שוין זיין די גאולה שלימה, וואס פריער און וואס שנעלער. און ווי הגה״ק מסאטמאר זי״ע דריקט זיך אויס אין ויואל משה (מאמר ג׳ שבועות פרק ע״ט) ״אין לנו אלא לצעוק לפני השי״ת ולהרבות בתפילה ותחנונים . . הלואי שיתפלל כל היום״. — מען דארף שרייען און בעטען דעם באשעפער וואס מער, אז עס זאל שוין קומען די גאולה שלימה. הלואי זאלן מיר דאווענען א גאנצען טאג אויף דעם!

און טאמער וועט מען פרעגן ווי מעג מען אזוי פיל בעטען פאר די גאולה, מען טאהר דאך נישט דוחק זיין את הקץ?

אויף דעם איז ער דארט אין ויואל משה מבאר באריכות אז דאווענען, בעטען און שרייען צו השם יתברך ער זאל אונז שוין אויסלייזען און ברענגען די ישועה, דאס קען מען וויפל מען וויל, און אדרבא, מיר מוזן בעטען פאר די גאולה וויפל מיר קענען נאר, און עס איז קיין שום שאלה נישט פון דחיקת הקץ (כמבואר שם בארוכה).

# איז דען דא וואס זיך צו שרעקין פאר ימות המשיח?

עס איז פאהראן אזעלכע וואס האבן מורא פאר ביאת המשיח, צוליב צוויי טעמים. א׳ צוליב מלחמת גוג ומגוג. ב׳ צוליב דעם יום הדין הגדול והנורא.

## מלחמת גוג ומגוג

בנוגע די מלחמת גוג ומגוג, איז ערשטענס, עס שטייט אין ספר

החיים (מאחיו של מהר״ל מפראג, וחבירו של הרמ״א) אז מען מוז וויסן אז אפילו אויב עס וועט זיין מלחמות, **וועט דאס אידן גארנישט שאטין**. וזה לשונו (אין ספר גאולה וישועה פ״ב): ״יש אנשים החרדים אל דבר ה׳ ומואסים בארץ העמים אבל מ״מ לא ישמחו ג״כ כ״כ על הזמן ההוא של ביאת הגואל להיות הזמן ההוא איום ונורא ומי יכילנו מפני פחד השי״ת ע״י חבלי המשיח ואימת קול תרועות מלחמות שיתעוררו אז בעולם, וכל זה מפני מיעוט אמונה כי לא יאמינו כי גאולי ה׳ יהיו נצולים מכל פחד וצרה״.

— מען דארף וויסן באמונה שלימה אז די מלחמות וועט אידן גארנישט שאטין. און דערפאר איז נישט דא וואס זיך צו שרעקין.

צווייטענס, עס איז באוואוסט וואס דער רבי ר׳ אלימלך זי״ע (מליזנסק) האט געזאגט אז ער האט אויס געפועל׳ט מיט זיינע תפלות **אז עס וועט נישט זיין קיין מלחמות ווען משיח וועט קומען**. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ספר מלבוש לשבת ויו״ט (פ׳ עקב ד״ה כי תאמר, מובא גם בספר שומר אמונים מאמר הגאולה פרק י׳) ״שמעתי מכ״ק אא״ז מו״ר זללה״ה [הוא הגה״ק מהרי״א מזידטשוב זי״ע] שאמר בשם הקדוש רבי אלימלך זצ״ל בזה הלשון: הגם אשר נאמרו כמה פסוקים אשר (קודם) [בשעת] ביאת משיח יהיו מלחמות גדולות ומלחמת גוג ומגוג אמנם הוא הפעיל בתפילתו שלא יהיו (עוד) [אז] מלחמות רק המוכר קמח יעמוד בהמדה וימכור הקמח, והמוכר סחורה על מלבוש יעמוד עם האמה וימדוד הסחורה ופתאום יבא אליהו ויבשר ויאמר אשר משיח בא. כן שמעתי מפי כ״ק אא״ז מו״ר זללה״ה שאמר בשם הקדוש רבי ר׳ אלימלך זצ״ל״, עכ״ל.

— כאטש עס שטייט אין פסוק אז עס וועט זיין מלחמות ווען משיח וועט קומען, האט אבער דער רבי ר׳ אלימלך זי״ע געפועל׳ט מיט זיינע תפלות **אז עס וועט מער נישט זיין מלחמת גוג ומגוג**, נאר אין די צייט ווען משיח וועט קומען וועט אלץ אנגיין נארמאל, און פליצלינג וועט קומען אליהו הנביא זכור לטוב און ער וועט אונז אנזאגן די בשורה טובה אז משיח קומט.

כעין זה ווערט געברענגט אין ספר שם משמואל (פ׳ ויגש ע׳ רצ״ח) אז כאטש עס שטייט אין פסוק אז ווען משיח וועט קומען צו גיין וועט זיין מלחמת גוג ומגוג, איז אבער **קבלה מרבותינו הקדושים זי״ע** אז וויבאלד דער גלות האט זיך אזוי פארלענגערט, איז דאס משלים די צרות און מלחמות בימות המשיח, און דעריבער וועט נישט זיין מלחמת גוג ומגוג.

און אזוי ווי מען געפינט ביי גלות מצרים, אז כאטש עס שטייט אין פסוק "ארבע מאות שנה" פונדעסטוועגן זענען אידן געווען אין מצרים נאר צוויי הונדערט און צעהן יאהר; ווייל די קושי השעבוד (די שווערע ביטערע ארבעט) האט משלים געווען די ד׳ מאות שנה. אזוי אויך אין אונזערע גלות, איז די אריכות הגלות (וואס דער גלות איז אזוי שרעקליך לאנג), משלים די צרות און מלחמות, און עס וועט שוין מער נישט זיין מלחמת גוג ומגוג. נאר עס וועט זיין אמת׳ע מנוחה פאר אידן אן קיינע צרות.

און אזוי איז אויך באוואוסט אז הרה״ק ר׳ אהרן מבעלזא זי״ע פלעגט זאגן בשם אביו הרה״ק ר׳ ישכר בער זי״ע "**אז משיח וועט קומען בחסד וברחמים**".

## פאר וועם אונז וועט זיין דער יום הדין הנורא?

משיח קומט אויפהייבן און מחזיר זיין בתשובה אלע אידן — לתקן את העולם כולו לעבוד את ה׳ (כלשון הרמב״ם הנ״ל).

דער יום הדין הגדול, וואס ברענגט זיך אין ספרים: א) דאס וועט ערשט זיין א סאך צייט נאך דעם וואס משיח קומט. אזוי ווי דער רמב״ן איז מאריך (אין שער הגמול) אז דער יום הדין וועט זיין נאך תחיית המתים **צום סוף אלף הששי**. דעמאלסט וועט מען דן זיין אלע מענטשן אויף דער וועלט (אידן און להבדיל גוים) צי זיי זענען ראוי צום גרויסען שכר וואס וועט זיין אין דעם אלף השביעי — יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים, עיי״ש באריכות.

און ווען עס וועט קומען די צייט פון דעם יום הדין, וועלן שוין אלע אידן זיין צדיקים און **זוכה זיין בדין**. אלע אידן וועלן זוכה זיין צום גרויסען שכר פון אלף השביעי.

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מלאכי ג׳) הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא **לפני** בוא יום ה׳ הגדול והנורא והשיב לב אבות על בנים ולב בנים אל אבותם. אז אליהו הנביא צוזאמען מיט משיח וועלן מחזיר בתשובה זיין אלע אידן **פאר** דעם ״יום הגדול והנורא״ וואס דאס איז (כמבואר ברמב״ן שם) דעם יום הדין הגדול שלאחר תחיית המתים. און אלע אידן וועלן דעמאלסט זיין צדיקים.

ובלשון הגה״ק מסאטמאר זי״ע אין חידושי תורה (בשלח תשי״ט ע׳ תע״ג ועוד) ״בודאי שתבוא מלמעלה השפעה אלקית כשיבואו אליהו ומשיח ויחזירו את ישראל בתשובה״. — משיח און אליהו הנביא וועלן מחזיר בתשובה זיין אלע אידן מיט א ספעציעלע כח וואס וועט קומען פון הימל.

און ווי פריער געברענגט אז עס וועט מקויים ווערן ״לא ידח ממנו נדח״, אז אלע אידן וועלן טוהן תשובה שלימה און וועלן ווערן צדיקים.

און אזוי ווי עס שטייט אין ספר פרי צדיק (פ׳ ואתחנן אות י״ב) אז דאס וואס די גמרא (סוף תענית) זאגט ״עתיד הקב״ה לעשות מחול לצדיקים״ וכו׳, מיינט דאס **אלע אידן**, שנאמר ועמך כולם צדיקים. און אזוי שטייט אין ספר מדרש שמואל (ריש מס׳ אבות) ״כלומר בהכרח יהיו כולם צדיקים לפי שהוא ית׳ חשב מחשבות לבלתי ידח ממנו נדח״. אז אלע אידן וועלן ווערן צדיקים.

ב) לדעת האברבנאל (בספרו מעיני הישועה מעין ח׳ תמר ז׳) און אזוי אויך לדעת האר״י הקדוש ז״ל (הובא בספר נשמת חיים מאמר א׳ פרק י״ז) איז דער יום הדין נאר פאר די אומות העולם און נישט פאר אידישע קינדער.

אודאי גלייבן אלע באמונה שלימה אין דעם אז עתידים ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה (צי נאך ״הונדערט און

צוואנציג" צי לאחר תחיית המתים), עס האט, אבער, גאר קיין קשר נישט מיט זמן הגאולה.

# ווען קומט משיח צדקנו?

די צדיקים וגדולי ישראל פון אונזער דור האבן אונז מגלה געווען אז עס איז שוין **זייער נאהנט צו דער גאולה**. אזוי ווי עס שטייט אין ספה"ק חידושי תורה פון הגה"ק מסאטמאר זי"ע (בשלח תשי"ט ע' תע"ב):

**"היום כבר עומדים שם כי קרובה ישועתו לבוא והימים קצרים וקרובים אל הישועה, ולא כמו הימים הראשונים שהיו צריכין עבודה קשה והיום תסגי אף במעט.. דהגאולה כבר עומדת אחורי תרעא".** — די ישועה איז שוין זייער נאהנט, און די טעג ביז די ישועה זענען קארטץ, באלד קומט שוין די ישועה. און נישט ווי די פריעדיגע דורות וואס האבן געהאט א סאך ארבעט צו טוהן אוף צו זוכה זיין צו די גאולה, היינט איז נאר געבליבן אביסל צו טוהן, די גאולה שטייט שוין אונטער די טיר!

אזוי אויך שטייט אין ספר דברי אמונה פון "תולדות אהרן" רבי שליט"א (פ' נח) אז ביאת המשיח איז זייער נאהנט. און אזוי אויך שטייט פון נאך צדיקים. עיין בספר פרקי תשובה וגאולה פון אחד מגדולי המוסר בדורנו הגה"צ רבי שכנא זאהן (דף קע"ז): דורנו אנו מעידין עליו כל גדולי עולם כי בדור הזה יבוא משיח צדקנו. וראה לקמן מה שכתב בשם הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל.

און ווי מיר זעהן אז בימינו אלה איז שוין אויך מקויים געווארן די אפענע רוח הקודש פון דעם הייליגען דברי חיים זי"ע אז פאר ביאת המשיח וועט די מלכות רוסלאנד צופוצעלט ווערן. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ספר מושיען של ישראל (חלק ב', פי"ח, ע' 223) "רבינו ז"ל (מסאטמאר) סיפר בשם אביו מרן הקדושת יו"ט ז"ל שהי' פעם אחת בצאנז בעת עריכת השולחן ומרן הדברי חיים ז"ל ישב דבוק בשרעפיו שעה ארוכה. והציבור אשר שהה בביהמ"ד דברו ממלחמות

צרפת ורוסיא, שהצרפתים פרצו לתוך גבולות רוסיא, כאשר התעורר מרן הד"ח ז"ל ממחשבותיו שאל ממה הי' המדובר פה אצל המסובין, והשיבו לו, שדברו מענין המלחמה ברוסיא, נענה מרן הד"ח ז"ל ואמר: לפני ביאת המשיח תתפוצץ מלכות רוסיא לשברי שברים (ובל"ק: רוסלאנד וועט צופיצלט ווערן אויף פיין פיצלאך)".

אויך איז אינטערעסאנט, דער חוות דעת (בפירושו צרור המור על שה"ש בסופו) ברענגט פון דעם רמב"ן אז תחיית המתים וועט זיין על כל פנים צווי הונדערט יאהר פאר דעם סוף פון אלף השישי (דאס הייסט אין אכט און פערציג יאהר פון יעצט). און תחיית המתים וועט זיין ערשט א משך זמן נאך ביאת המשיח, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ויואל משה (דף ע') פון זוה"ק. הייסט דאך דאס אז משיח קומט טאקע באלד!

## פארוואס זעט אויס ימות המשיח א דבר רחוק?

ליידער זעט אויס ביי מענטשן די זמן הגאולה א ווייטע זאך, פארוואס איז דאס טאקע אזוי? מענטשן מיינען אז משיח מוז אראפ פאלן פון הימל, וכדומה, און דאס לייגט זיך שווער אין גידאנקן אז דאס קען זיין שוין. אין אמת אריין, לו יהא, אפילו עס וואלט אזוי זיין די סדר, דארפן מיר גלייבן "היפלא מה' דבר", אז פאר'ן כל יכול איז קיין שום זאך נישט פארמיטן. אבער לאמיתו של דבר שרייבט דער הייליגער חתם סופר זי"ע אין די תשובות (חו"מ בליקוטים סי' צ"ח) וזה לשונו: "כמו שהי' משה רבינו ע"ה שהי' הגואל ראשון נזדקן שמונים שנה ולא ידע ולא הרגיש בעצמו שהוא יהי' גואל ישראל ואפי' כשאמר לו הקב"ה לך כי אשלחך אל פרעה מ"מ סירב ולא רצה לקבל על עצמו, כן יהי' אי"ה הגואל האחרון ומיום שחרב ביהמ"ק מיד נולד אחד הראוי בצדקתו להיות גואל ולכשיגיע הזמן יגלה אליו השי"ת וישלחו ואז יערה עליו רוחו של משיח הטמון וגנוז למעלה עד בואו.. והצדיק הזה בעצמו אינו יודע ובעוונותינו כי רבו כבר כמה וכמה מתו ולא זכינו שיערה עליהם רוחו של משיח גם כי הם ראוים לכך אבל הדור לא הי' ראוי. אולם כשיגיע אי"ה יגלה אליו ה'".

בכל דור ודור — אין יעדער דור איז דא א צדיק וואס איז דא אויף דער וועלט צווישען אונז, וואס ער איז ראוי צו זיין משיח אויב די גאולה וועט קומען אין זיין צייט. און דער צדיק אליין ווייסט נישט אז ער וועט זיין משיח. און גלייך ווען עס וועט קומען דער צייט פון די גאולה, וועט דער באשעפער זיך אנטפלעקען צום צדיק און וועט אים שיקן אויסלייזן די אידן פון גלות.

אין ספר פרקי תשובה וגאולה (דף קע״ז) ברענגט הגה״צ רבי שכנא זאהן שליט״א (מלפנים ר״מ בתורה ודעת) אז ער האט געפרעגט הגאון רבי משה פיינשטיין זצ״ל וואס ער האלט וועגין ביאת המשיח, האט ער געענטפערט בזה הלשון: ער איז שוין געוויס דא! ומוסיף: הבנתי ממנו שכבר נמצא הוא בעולם, ולעת עתה פועל באופן הסתר, וצריכים להתחזק בתפלה ובתשובה למהר ההתגלות הגמורה עיי״ש באריכות.

# וואס קענען מיר עפעס טאהן צו ברענגען די גאולה נאך שנעלער?

יעדער איינער מוז וויסען אז מיט יעדער מצוה וואס ער טוהט העלפט דאס צו צוברענגען שנעלער די גאולה. און מען קען נישט וויסן — עס קען גאר זיין אז מיט די **איין מצוה** וואס ער גייט טוהן **וועט דאס זיין די "מכה בפטיש" וואס וועט טאקע ברענגען די גאולה שלימה.**

אזוי ווי דער רמב״ם שרייבט אין הל׳ תשובה (פ״ג ה״ד) "צריך כל אדם שיראה עצמו כל השנה כולה כאילו חציו זכאי וחציו חייב וכן כל העולם חציו זכאי וחציו חייב חטא אחד הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף חובה וגרם לו השחתה. עשה מצוה אחת הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשועה והצלה".

— א מענטש דארף שטענדיק קוקן כאילו אז דער וועלט איז

האלב זכאי און האלב חייב, און אויב ער טוהט **איין מצוה** איז ער מכריע **די גאנצע וועלט** לכף זכות און ברענגט ישועה והצלה.

## המה יבואו שמה והם יירשוה

און טאמער וועט מען טראכטען: אין אזא דור שפל, וואס מיר זענען היינט, וואס קענען מיר שוין אויפטאהן מיט אונזערע מצוות?

דארף מען וויסן אז מען טאהר אזוי נישט טראכטען, מען מוז וויסן אז אונזער עבודה איז **פונקט אזוי חשוב** ווי די עבודה פון די פריעדיגע דורות.

אזוי ווי דער הייליגע תפארת שלמה זי״ע שרייבט (פ׳ עקב ע״פ והי׳ עקב תשמעון): ״נכון לכל אדם להבין ולדעת כי בחשכות הגלות האחרון כיום הזה הנה יקר מאד לפני השי״ת ומקובל לפניו כל בחי׳ התעוררות לעבדות לתורה ולתפלה אפי׳ שאינו כראוי ובכוונה הגדולה כמו בדורות הראשונים. בכל זה המעט מהעבדות הוא חשוב לפני הקב״ה כמו הרבה בימים שלפנינו״.

— אין דעם פינסטערען גלות וואס מיר זענען אין אזא שפל המצב און פונדעסטוועגן דינט מען דעם באשעפער, איז יעדער ביסל התעוררות צו תורה ותפלה כאטש עס איז נישט ווי עס דארף צו זיין, איז דאס פונקט אזוי חשוב און טייער ביים הייליגען באשעפער פונקט ווי די עבודה פון די פריערדיגע דורות.

נאך מער שרייבט רבי חיים וויטל ז״ל (ב״ספר החזיונות״) אז ער האט געפרעגט זיין רבי׳ן דער אר״י הק׳ ז״ל, היתכן אז אין די דורות פון תנאים ואמוראים וצדיקי דורות הראשונים איז משיח נישט געקומען, ווי קען זיין אז שפעטער׳דיגע און נידריג׳ערע דורות וועלן אים יא קענען ברענגען? האט עם דעם אר״י הק׳ געענטפערט אז אין די נידריגע דורות איז יעדע פעולה קטנה וואס א יוד טוהט, חשוב און טייער ביי השי״ת מער ווי בדורות הראשונים, און זייערע מעשים טובים וועט מקרב זיין די גאולה. (ועי׳ בספר דברי יחזקאל, מהרה״ק משינאווא זי״ע, באגדות הש״ס מס׳ ר״ה דף י״ז).

מע דערציילט אז אמאל איז געווען ביי הרה״ק רבי הערש׳לע זידיטשוב׳ער זי״ע, זיין איידעם הרה״ק רבי יהודא הערש מראזלא זי״ע און האט שטארק גיוויינט אויף די ירידת הדורות, ״צו וועמען וועט משיח קומען״? — האט ער געפרעגט ביים שווער. האט זיך רבי ר׳ הערש׳לע פארווארפן די קאפ אויף א ווייל׳ע, דערנאך האט ער גיזאגט: אין פסוק (פ׳ דברים) שטייט ״וטפכם אשר אמרתם לבז יהי׳ ובניכם אשר לא ידעו היום טוב ורע המה יבואו שמה ולהם אתננה והם יירשוה״. פאר ביאת המשיח וועט זיין זייער א נידריגען דור וואס וועט נישט וויסן בין טוב לרע, המה יבואו שמה, צו זיי וועט משיח קומען!

# כי מחכים אנחנו לך

און לאמיר אלע פארשטארקן אונזער האפן און בענקן פאר די ישועה אז מיר זאלן טאקע **מיט אן אמת** ווען משיח צדקנו, און שטענדיק האפן אויף ביאת המשיח וויסענדיק אז עס איז שייך ער זאל ממש יעצט קומען. און דאס אליין איז מקרב די ישועה. אזוי ווי דער הייליגער קאמארנער זי״ע שרייבט אין זיין ספר היכל הברכה (וואס מיר האבן פריער אראפגעבראכט) ״ועל ידי צפיות וחכיות לישועת ה׳ בכל רגע, בודאי תפעול למעלה הרבה ותקרב את הגאולה בודאי״. — דורך דעם וואס מען האפט אוןווארט כסדר פאר די ישועה, דאס פועל׳ט א סאך למעלה, און דאס ברייגנט נעהנטער די גאולה.

אזוי אויך טייטשט דער הייליגער חיד״א זי״ע (בספר מדבר קדמות ערך קיווי) דער נוסח הברכה וואס מיר זאגין אין שמונה עשרה: את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח וקרנו תרום בישועתך כי לישועתך קוינו כל היום. אז דער פשט איז אזוי: מיר בעטען השם יתברך ״את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח״ — בריינג שוין אין גיכן דעם מלך המשיח. איי מיר האבן נישט גענוג זכותים, אויף דעם זאגין מיר ״כי לישועתך קוינו כל היום״ — מיר האפן און ווארטען דאך שטענדיג אויף די ישועה און **בזכות דעם אליין** זענען מיר ווערט אז די גאולה זאל שוין קומען!

* * *

מיר בעטען אלע ביי דעם בורא כל עולמים, אז גאר אין ג'יכן זאל שוין טאקע קומען משיח צדקנו און די אמת'ע גאולה שלימה. ובפרט בזכות מצות הצדקה [ווי די גמרא זאגט גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה], וואס קיינמאל אין היסטוריא איז נישט געווען אזוי פיל מעשה הצדקה אויף אזא גרויסען פארנעם ווי דאס איז היינט אין אונזער דור. די צדקה וואס טוהט זיך אין דעם דור איז ממש מבהיל הרעיון ואין לשער וויפל דאס טוהט אויף למעלה.

זאל מען טאקע זוכה זיין גאר אין גיכן, אז:

יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשנו בישועתך באמת באמור לציון מלך אלקיך אמן כן יהי רצון במהרה בימינו.